# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

גליון 10 | פרשת **מטו"מ** תשע"ט | בין המצרים


לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

# דער אָנהויב פונעם חורבן

ארויסגענומען פון: ליקוטי הלכות, פריקה וטעינה ה"ד, אות ל"ה

**וואו האט זיך אנגעהויבן די סאמע ערשטע קערנדלעך פונעם חורבן? | וואס איז געווען דער הויפט טענה פונעם אייבערשטן צו די אידן אין תקופת בית ראשון? | וויאזוי קענען מיר פארמיידן אין די צוקונפט אראפצופאלן אזוי נידריג?**

א פלא'דיגע זאך דערציילט די גמרא (נדרים פ"א.), די פאלגענדע רעטעניש האט דער אייבערשטער געפרעגט פון אלע חכמים און נביאים, אפילו פון די מלאכי השרת, און קיינער האט נישט געוואוסט קיין ענטפער, ביז דער אייבערשטער אליין האט געמוזט ענטשיידן די ענטפער דערויף. וואס איז געווען די אזוי-שווערע שאלה? **"עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ"**, פארוואס איז ארץ ישראל חרוב געווארן? און קיינער האט נישט געהאט קיין צופרידנשטעלנדע ערקלערונג אויף דעם, ביז דער אייבערשטער אליין האט געענטפערט: **"וַיֹּאמֶר ה' עַל עָזְבָם אֶת תּוֹרָתִי"**, ווייל זיי האבן אפגעלאזט מיין תורה! די גמרא פירט דארט אויס, אז נישט ממש מען האט אפגעלאזט די תורה, נאר זיי האבן נישט געזאגט קיין 'ברכת התורה'.

עס איז פשוט אז ווער עס האט זיך אמאל אפגעשטעלט אויף די גמרא איז געבליבן שטיין ערשטוינט. עפעס איז די גאנצע גמרא נישט פארשטענדליך - פון די שאלה ביז די תשובה. ערשטנס: וויאזוי איז דאס אז די אלע חכמים און נביאים ווייסן נישט פארוואס ארץ ישראל איז חרוב געווארן, וועלכע קליינע חדר אינגעלע ווייסט נישט וואו עס האט געהאלטן די מצב פון כלל ישראל אין יענע צייטן, וויפיל עבודה זרה'ס מען האט אלץ אפגעדינט, וויפיל שפיכת דמים עס האט זיך געגאסן, וויפיל עבירות זענען אפגעראכטן געווארן, און דא פלוצלינג ווייסט קיינער נישט פארוואס ארץ ישראל איז חרוב געווארן???

און די תשובה פונעם אייבערשטן איז ממש אומבאגרייפליך: עס קוקט אויס ווי גלייך זייער גאנצע זינד איז געווען בלויז אז זיי האבן נישט געזאגט קיין ברכת התורה! מען שטייט און מען רעדט דא פון די ערגסטע עבירות, און דא קומט דער רבוש"ע און זאגט אז דאס וואס עס האט פאראורזאכט דעם חורבן איז געווען בלויז אז זיי האבן נישט געזאגט ברכת התורה??? נאכמער, אויב אינ'אמת'ן אריין האבן זיי געלערנט, איז פארוואס טאקע איז זיי אזוי שטארק אנגעגאנגען צו זאגן ברכת התורה פאר'ן לערנען???

כדי צו פארשטיין די נקודה, לאמיר אויסשמועסן א קורצע הקדמה. עס איז באקאנט אז דער הייליגער ווילנער גאון, האט זיך אמאל אויסגעדריקט, אז אין א 'ראשון' האט ער נאך עפעס א השגה, אבער אין א פשוט'ע איד וואס האט געלעבט אין די צייט פונעם ערשטן ביהמ"ק האט ער נישט קיין שום השגה! איר הערט ווערטער? מיר קענען נישט באגרייפן די מדריגה פון א פשוט'ע איד וואס האט געלעבט אין די צייט פון 'בית ראשון'!!! פשט איז, עס האט זיך גערעדט פון גאר גאר געהויבענע אידן, אויב אזוי, פרעגט זיך די שאלה: וואו האט זיך אנגעהויבן די שפאלט וועלכע האט ערמעגליכט די בייזוויליגע פרעמדע כוואליעס צו דערטרענקען דעם שיף און צושטאנד ברענגען אז אזעלכע גרויסע אידן זאלן זיך דערקייקלען ביז אזוי נידריג, אפטוענדיג די הארבסטע עבירות?

> **ער איז אריינגעפאלן אין א טיפע דעפרעסיע... זיך מאכנ'דיג דעם חשבון, איך האב שוין ממילא אלעס דערלייגט, וואס האב איך נאך זיך אפצוהאלטן פון עבירות? איך גיי שוין ממילא גיין אין גיהנום...**

אייגנטליך, דאס איז געווען די שאלה פונעם אייבערשטן. די אלע געפערליכע עבירות וואס זענען אפגעראכטן געווארן דארטן בסתר ובגלוי - דאס האט יעדער געוואוסט. דער עיקר שאלה פונעם אייבערשטן איז געווען, וויאזוי איז דאס צוגעקומען צו אזא מצב, אז כלל ישראל וואס איז געשטאנען ברום המעלה, זאל זיך אזוי ווייט אראפגליטשן און פארקריכן, אז זייערע זינד זאלן צוברענגען אזא שרעקליכע גלות??? נאכמער, מיט וואס קענען מיר, וואס מיר קומען נישט צו צו זייער קנעכל פון זייער גרויסקייט, זיין פארזיכערט און געווארנט, אז עס זאל זיך ח"ו נישט איבערשפילן די זעלבע אומגליק???

אָה, דאס זענט איר מודה איז שוין א הארבע שאלה, נייך?

דאס דארף שוין א קלארע הסבר.

רבי נתן ערקלערט דאס ווי פאלגענד. דאס איז פשוט, אז די אידן אין יענע צייט האבן נישט פון איין מינוט אויפן צווייטן אראפגעטראסקעט אזוי טיף. נאר אנגעהויבן האט זיך עס, אז דער יצר הרע פון עבודה זרה איז געווען גאר שטארק אין יענע תקופה (כידוע), און עס האט זיך געמאכט אז ליידער זענען אידישע קינדער צומאל דורכגעפאלן, זיך נישט קענענדיג באהערשן אויף זייער יצר הרע. אט דאס איז טאקע זייער

המשך בעמוד ב'

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

***איש כי ידור נדר*** *(במדבר ל, ג)*

ענין נדרים הוא פליאה נשגבה (בבחי' "איש כי 'יפליא' לנדור"), כי בזה רואין גודל כח הדיבור של האדם, וש"אורייתא וישראל כולא חד" (זוה"ק אחרי ע"ג). כי יש לאדם כח **בפיו** להפוך לעצמו דבר שהיה מותר לו מן התורה, ולאסרו עליו מעתה באיסור חמור חדש דאורייתא!

*(ברכת השחר ה"ה, אות צ')*

***כל דבר אשר יבוא באש תעבירו באש*** *(במדבר לא, כג)*

**כל דבר אשר יבוא באש** - אם נתלהב ונבער לבו לעבירה או לתאוה רעה ח"ו (הבא מכח ה"אש"), התיקון לזה - **תעבירו באש**, שלעומת זאת יתלהב ויבער לבו להשי"ת (בשלהבת "אש"), ועי"ז יטהר לבו:

*(ליקו"מ קנ"ו)*

***ולא אמרו אַיֵּה ה'***
*(בהפטורה; ירמי' ב, ו)*

הנביא מוכיחם, שאע"פ שנפלו ונכשלו בעבירות חמורות מאד, אבל עכ"פ למה **לא** חפשו אחר השי"ת ממקומם **ואמרו "אַיֵּה" ה'?** (בבחי' "איה מקום כבודו"). שאם היו מקיימין עצה זאת (כמבואר בליקו"ת סי' י"ב), היו זוכין לבסוף לשוב, ולהפוך כל ירידתם לתכלית העליה!

*(זמרת הארץ, ליקו"ת סי' י"ב)*

### פרקי אבות

***במקום שאין אנשים השתדל להיות איש*** *(פ"ב, מ"ו)*

**במקום שאין אנשים** (ב'חדר' או 'שדה') - שם צריכין להתבודד ו**להשתדל** היאך להיות **איש** כשר באמת!

*(תולדות יעקב יוסף, ויגש)*

### בקשה מיוחדת!

**אין די זוממער וואכן ווען די גליון ווערט נישט געהעריג פארשפרייט, זייט אויך מהנה אנדערע און דרוקט ארויס דעם גליון פאר אייער חבר/שוהל/קאנטרי צו מזכה זיין את הרבים!**

געפערליך, אבער נישט דא האט געשטעקט דער לאָך. וויבאלד טיף אין זייער הארץ האט נאך געברענט א פלאם און בענקעניש צום אייבערשטן, וואס האט נאך פארמאגט אין זיך גענוג ברענשטאף צו קענען כאטש זיך אנכאפן אויף עפעס א נקודה טובה און זיך מחיה זיין מיט דעם, און פארבלייבן שטארק דערמיט.

דער עיקר פראבלעם האט זיך אנגעהויבן מיט די נאכווייען דערפון. דער מענטש, דערזעענדיג וואס ער האט אפגעטאן, האט זיך פלוצלינג געטראפן שרעקליך צוקלאפט און פארלוירן, קלערנדיג: וואס האב איך דא אפגעטאן? וויאזוי האב איך געקענט טון אזא הארבע עבירה צו דער אייבערשטער וואס האט מיר אזוי ליב? און דאן פון גרויס צוקלאפטקייט איז געשען דאס ביטערע... ער איז אריינגעפאלן אין א טיפע דעפרעסיע און אין יאוש... זיך מאכנדיג דער חשבון, איך האב שוין ממילא אלעס דערלייגט, זיכער האט שוין דער אייבערשטער געגנצליך אפגעהאקט מיט מיר... וואס האב איך נאך צו פרובירן מקיים זיין תורה און מצוות און זיך אפהאלטן פון עבירות? איך גיי שוין ממילא גיין אין גיהנום... - דערמיט איז געווארן איינגעזייט די סאמע ערשטע קערנדלעך פונעם חורבן!

דער נביא האט געשריגן צו כלל ישראל (יחזקאל ל"ג, י'): עטץ אידישע קינדער, ענק טענה'ען **"כִּי פְשָׁעֵינוּ וְחַטֹּאתֵינוּ עָלֵינוּ וּבָם אֲנַחְנוּ נְמַקִּים, וְאֵיךְ נִחְיֶה?"** מיר גייען שוין ממילא אונטערגיין פון אונזערע אלע עוונות, וואספארא אויסזיכטן האבן מיר נאך צו לעבן? און אזויווי רש"י טייטשט דארט אויפן ארט, אז דערפאר ווילט איר נישט תשובה טון **"כסבורין אתם שלא תועיל לכם תשובה"**, איר קלערט אז עס וועט שוין נישט העלפן אייער תשובה! - אט דא שטעקט אייער טעות!

אין אנדערע ווערטער: דעם אייבערשטנס טענה צו כלל ישראל איז געווען: ביסט אראפגעפאלן? כאפ זיך כאטש אן אויף עפעס א נקודה טובה וואס איז נאך יא פארבליבן אין דיר! פארוואס האט איר אפגעלאזט די תורה אינגאנצן? פארוואס זאלט איר נישט צולייגן אייער אויער צום מויל וואס זאגט יעדן טאג בשעת 'ברכת התורה': **"אשר בחר בנו מכל העמים, ונתן לנו את תורתו"**, איך האב דיר אויסגעקליבן פון אלע גויים - וויאזוי דו ביסט נאר! פארוואס דערכאפסטו זיך נישט דיין הארץ מיט דעם?! ליידער האבן אידישע קינדער דעמאלטס זיך נישט צוגעהערט צום 'דבר השם', און די חורבן האט ליידער נישט געשפעטיגט צו קומען.

אט דאס איז וואס מיר דארפן פאררעכטן אין די איצטיגע טעג. ווען מיר וועלן זיך אנהייבן ריכטיג צוהערן צו די קול פון די צדיקים, אז נישט משַנה ווי טיף מען איז שוין אראפגעפאלן - נישט צולאזן די ריס זיך צו פארברייטערן, און יעדנפאלס זיך אנהאלטן אינעם אייבערשטן, און דאנקען און זיך פרייען מיט יעדע קליינע נקודה טובה, וואס דאס איז הויפטזעכליך דער עיקר דעת וואס זיי שיינען אריין אין אונזערע הערצער, דאן וועלן מיר קענען זיין גאראנטירט אז בקרוב ממש וועלן מיר אנגעזאגט ווערן מיט די פריידיגע בשורה, במהרה בימינו, אמן!

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# אויפגעטרייסלט די גזירה

א פחד און אנגסט הערשט אין די שטאט אומאן אין יעדן ווינקל. א געפערליכע מגיפה האט זיך אויסגעשפרייט צווישן די איינוואוינער, עס איז כמעט נישט פארהאן קיין איין משפחה וואס איז נישט זעלבסט באטראפן געווארן פון די מגיפה. די הענט פון די חברא קדישא זענען ליידער געווען איבערגעפילט מיט ארבעט. דער מלאך המוות שוינט נישט קיינעם, יונגעלייטלעך, פרויען מיט קינדער, אויך זיי ווערן געציילט צווישן די טויטע אין דער שרעקליכן אפידעמיע.

די שוהל'ן אין אומאן זענען איבערגעפילט מיט מתפללים, די ברסלב'ע חסידים הערן נישט אויף צו דאווענען ביים ציון פונעם הייליגן רבי'ן, זייערע תפילות שפאלטן הימלען, אבער די אפידעמיע גייט ווייטער אן, און פארשפרייט זיך ווייטער מיט יעדע פארבייגייענדע טאג צולייגנדיג נאך טויטע.

דער מגיפה האט נישט געשפעטיגט אנצוקומען אויך ביזן טיר פון אנשי שלומנו, נישט נאר דאס, נאר זי האט זיך ווילד ארויפגעווארפן אויף איינע פון די אויסגעצייכענסטע פון די חבורה, דאס איז נישט געווען קיין אנדערער ווי דער חסיד הרה"ג רבי מתתי' בארזעסקי זצוק"ל, דער אויסטערלישער שרף און פרוש פון אלעס וואס אנבאלאנגט נאר צו גשמיות, א אויסגערופענער תלמיד חכם וואס דער רב פון שטאט רעדט זיך דורך מיט אים קאמפליצירטע הלכה'דיגע שאלות - פונקט ער איז יעצט אנגעטראפן געווארן מיט די טויטליכע מחלה.

דער צושטאנד פון ר' מתתי' האט זיך שארף פארערגערט, יעדע פרואוו אים צו פארגרינגערן און אים היילן האט זיך אויסגעלאזט מיט גארנישט, זיין קערפער האט אנגעהויבן איינגיין, ביז עס האט זיך שוין קלאר אנגעזען אז דער מענטש איז שוין מער צו די זייט פון די טויטע ווי צו די לעבעדיגע. די קרענק האט אים גענצליך פארלאזירט אים נישט ערלויבנדיג אראפצוטרעטן פון בעט.

אין יענע טעג האט זיך די מאמע פון ר' מתתי', די צדיקת מרת גיטל, איינקווארטירט אין אומאן. געווען איז דאס די השגחה עליונה וואס האט אזוי צוגעפירט איר אריבערצוברענגען פון דעם ווייטן פוילן קיין אומאן, דוקא אין אט די שווערע מאמענטן. געווען איז דאס ווען זי האט זיך אנגעהויבן עלטערן אין פריידן נאכ'ן פארענדיגן הייראטן אלע אירע קינדער, צווישן זיי דער חסיד ר' יצחק גרשון בארזעסקי פון ווארשע (די טאטע פון הרה"ח ר' יעקב זאב בארזעסקי ז"ל וואס איז שפעטער ארויף קיין ארץ ישראל), און מיט די איינפלוס פון אירע קינדער, איז זי מיט איר מאן ר' נחום געווארן געטרייע ברסלב'ע חסידים.

די איבערגעגעבענע מאמע האט נישט געוואוסט וואו זיך אהינצוטאן, זי איז נישט געווען מסוגל צוצוקוקן וויאזוי איר טייערע תכשיט'ל גייט איין, פארנט פאר אירע אויגן, זי האט געלייגט פאר אירע אויגן די געוואלדיגע קדושה פון ר' מתתי', זיין געוואלדיגע התמדה, וויאזוי ער לערנט מיט אזא זעלטענע מתיקות און השתפכות הנפש. זי דערמאנט זיך וויאזוי פון קליינווייז אן איז ער געזיצן און געלערנט "אמר אביי..." און פלוצלינג הייבט זי אויף אירע אויגן צום הימל, און זי גיסט זיך אויס איר הארץ ווי א קליין בעטנדיג קינד "אוי, הייליגער אביי... איך בעט דיר רבוש"ע! האב רחמנות אויף מיר אין די זכות פון אביי..."

וואס וואלט די צדיקת נישט געטון פאר איר קינד - אלעס וואס קען נאר ארויפקומען אויפן געדאנק כדי איבערצולאזן ר' מתתי'ן ביים לעבן. לאנגע שעות האט זי פארברענגט ביים ציון פונעם הייליגן רבי'ן, אבער די טעג האבן פאראויס געלאפירט איינע נאך די אנדערע, אויסגעזען האט עס ווי די טויערן פון הימל זענען פארשלאסן, די צושטאנד פונעם חולה האט זיך קריטיש פארערגערט, אט רישט מען זיך אויפן ערגסטן...

ווען די מאמע, די צדיקת גיטל, האט געזען וואו עס האלט די מצב, האט זי זיך אנגעגארטלט מיט א זעלטענע גייסטישע קוראזש און איז ווידער ארויף צום ציון פונעם הייליגן רבי'ן און האט אויסגעפלאצט אין א יעמערליכן געוויין, ווען פון טיפעניש פון הארצן ווענדט זי זיך צום רבי'ן און שרייט:

"רבי! איך בין שוין א אלטע פרוי, איך האב שוין זוכה געווען חתונה צו מאכן אלע מיינע קינדער וואס דער אייבערשטער האט מיר געשאנקען, מיין לעבן איז שוין נישט אזוי חשוב ווי די לעבן פון מיין קינד ר' מתתי', ער איז נאך יונג אין עלטער, ער פארמאגט א ווייב מיט קליינע קינדער וואס זענען אנגעוויזן אין אים"

און דאן מיט אירע טיפסטע שטורמישע געפילן רופט זי אויס: "איך וויל מאכן א 'טויש'... אויב עס איז שוין אפגעשטעמפלט די גזירה וויל איך אז דאס זאל גיין אויף מיר, איך וועל גיין אנשטאט מיין קינד מתתי' און ער זאל געזונט ווערן און פארבלייבן ביים לעבן..."

פארענדיגנדיג איר הייסע מאדנע תפילה געבט זי א קיש דעם הייליגן ציון, זי קערט זיך צוריק צו איר שטוב, זי גייט אריין אין בעט, לייגט ערליך קרי"ש מיט כוונה, ווען נאך אין יענע נאכט פארשפרייט זיך די פארכטיגע שמועה: די איבערגעגעבענע מאמע די צדיקת איז נפטר געווארן!!!

פון די אנדערע זייט האט זיך באשיינפערליך אנגעזען די וואודערליכע נס, די באקן פונעם קריטישן חולה איז ווי פון פריש געפארבט געווארן, ווען די ארומיגע זעען בחוש פון שעה צו שעה וויאזוי זיין מצב גייט צום פארבעסערונג מיט א שנעלע אימפעט, העכער דעם נאטורליכן שטייגער.

נאך אין יענע טאג איז פארגעקומען די לוי' וואס איז ארויס אויף איר וועג צו די זייט פונעם נייעם בית החיים, ווען צום גרויס וואונדער ווערט זי באגלייט אין שפיץ פון איר זוהן ר' מתתי', וואס שטייט אויף זיינע צוויי פיס געזונט און שטארק.

ר' מתתי' האט זוכה געווען צו נאך אסאך גוטע געזונטע יארן, ביז די קאמוניסטישע נעגל האט דערגרייכט אויך די ברסלב'ע חסידים אין אומאן, און ער איז פארשיקט געווארן קיין סיביר צוזאמען מיט די זיבן און צוואנציג קדושים, דארט האט ער צוריקגעקערט זיין ריינע לויטערע נשמה אויבן אין הימל, הי"ד.


מוה"ר **שלמה רייכמאן** הי"ו
בארא פארק
**שתרם להפצת הגליון**
לרגל שמחת הולדת בנו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **יושע מנחם פריעד** הי"ו
וויליאמסבורג
**שתרם להפצת הגליון**
לרגל שמחת הולדת בנו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **אליעזר חיים זינגער** הי"ו
וויליאמסבורג
**שתרם להפצת הגליון**
לרגל הכנסת בנו הבה"ח
המופלג בתוי"ש כמר
**יצחק יושע** לעוה"מ

מוה"ר **יעקב נתן ליכטער** הי"ו
וויליאמסבורג
**שתרם להפצת הגליון**
לרגל הכנסת בנו הבה"ח
המופלג בתוי"ש כמר **צבי**
לעתומ"צ

מוה"ר **ישראל חיים הערשקאוויטש** הי"ו
מאנסי
**שתרם להפצת הגליון**
לרגל אירוסי בנו הבה"ח
המופלג בתוי"ש כמר
**דוד** הי"ו

לע"נ הרה"ח ר' **צבי יוסף** ב"ר **מאיר יצחק וואסילסקי** ז"ל
יארצייט כ"ט תמוז
ת.נ.צ.ב.ה.

קול **משיב לשואל**
שו"ת בעבודת השם עפ"י דעת קדשו של רבינו הקדוש זיעוכי"א
**718.362.8870**